בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת פינחס
(בא"י מטות)
מברכים חודש אב
כד תמוז
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 33
(85)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



**שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרַט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאווֶענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה.**

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אִיז אַרַיין אִין שְׁטָאט, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי עֲשִׁירִים אַז **"גֶעלְט אִיז גָאר קַיין תַּכְלִית נִישְׁט, נָאר דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז מֶען זָאל נָאר עוֹסֵק זַיין אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה וְכוּ'"**, הָאבְּן זֵיי אִים נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט. אוּן זֵיי הָאבְּן אִים דֶערְצֵיילְט אַז זֵיי ווִילְן גֵיין צוּ אַ צְוֵוייטֶע מְדִינָה וָואס דָארְט אִיז דָא מֶער גֶעלְט זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם גִּבּוֹר, הָאט עֶר זֵיי אוֹיסְגֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: **"דָאס אִיז אַ נַארִישְׁקֵייט, זֵיי זֶענֶען אַלֶע נָאר מֶענְטְשְׁן, זֵיי וֶועלְן אַייךְ גָארְנִישְׁט קֶענֶען הֶעלְפְן!"** אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶערֶעדְט פוּנֶעם גִּבּוֹר הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: **"אוֹיבּ אִיז עֶס נִישְׁט דֶער גִּבּוֹר..."** הָאבְּן זֵיי נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט; הָאט מֶען אִים גֶעכַאפְּט אוּן גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי עֶלְסְטֶע פוּן יֶענֶע מְדִינָה, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז דָאס וָואס דוּ זָאגְסְט אוֹיפְ'ן גִּבּוֹר: **"אוֹיבּ אִיז עֶס נִישְׁט דֶער גִּבּוֹר..."** הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַ מֶלֶךְ וָואס דָארְט אִיז פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן אַ גִּבּוֹר, אוּן אוֹיבּ אִיז עֶס יֶענֶער גִּבּוֹר קֶען עֶר זִיךְ מִיט אִים. אוּן עֶר הָאט זֵיי וַוייטֶער גֶעזָאגְט: **"וָואס פַארְלָאזְט אִיר זִיךְ אוֹיף יֶענֶע מְדִינָה וָואס אִיר זָאגְט אַז אַלֶע זֶענֶען גָאטְן, זֵיי וֶועלְן אַייךְ גָארְנִישְׁט קֶענֶען הֶעלְפְן, פַארְקֶערְט, אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף זֵיי וֶועט דָאס צוּבְּרֶענְגֶען עֶנְקֶער מַפָּלָה!"** הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט: **"פוּן וואו וֵוייסְטוּ דָאס?"** הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט, וַוייל בַּיי יֶענֶעם מֶלֶךְ אִיז גֶעוֶוען אַ הַאנְט מִיט פִינְף פִינְגֶער, אוּן דָארְט אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעקְרִיצְט דוּרְךְ קְנֵייטְשְׁן אוּן קְרִיצְן אַלֶעס פוּן דִי וֶועלְט, אוּן אוֹיף יֶענֶעם הַאנְט הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז אוֹיבּ וֶועט אִיר זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף יֶענֶעם מְדִינָה וֶועלְן בֵּיידֶע מְדִינוֹת הָאבְּן אַ מַפָּלָה.

## וְשָׁוְא תְּשׁוּעַת אָדָם

מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעשְׁמוּעֶסְט אַז מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז מַסְבִּיר וָואס דָאס הַאנְט בַּאדֵייט; דָאס הַאנְט גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי תּוֹרָה, וָואס עֶנְטְהַאלְט פִינְף חֻמָּשִׁים, אוּן דָארְט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה שְׁטֵייט אוֹיבּ מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ הָאט מֶען אַ מַפָּלָה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ס, יג): **"וְשָׁוְא תְּשׁוּעַת אָדָם"**, עֶס אִיז אוּמְזִיסְט זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, נָאךְ זָאגְט דֶער נָבִיא (יִרְמְיָהוּ יז, ה): **"אָרוּר הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בָּאָדָם וְשָׂם בָּשָׂר זְרֹעוֹ וּמִן ה' יָסוּר לִבּוֹ"**, פַארְשָׁאלְטְן אִיז דֶעם וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אוּן פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **"וְהָיָה כְּעַרְעָר בָּעֲרָבָה וְגוֹ'"**, וֶועט עֶר זַיין גְלַייךְ צוּ אַ בּוֹים אִין מִדְבָּר וָואס קוּמְט נִישְׁט צוּ קַיין וַואסֶער, אוּן אַלֶעס וֶוערְט פַארְטְרִיקְנְט; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אוֹיבּ מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין הַצְלָחָה, נָאר אַ מַפָּלָה.

## זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דִי פִישׁ

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהֶערְט פוּן אֵיינֶע פוּן דִי מַגִּידִים אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ וָואס מֶען קֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּן פִישׁ; אַ פִישׁ טְרִינְקְט וַואסֶער, וָואס עֶסְט עֶר? עֶר עֶסְט אַנְדֶערֶע פִישׁ פוּן יַם. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ אַז אַ פִישׁ וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַיינְשְׁלִינְגֶען אַ צְוֵוייטֶע פִישׁ בַּיים וֵויידְל, וֶוען עֶר לוֹיפְט נָאךְ אַ קְלֶענֶערֶע פִישׁ וֶועט דִי צְוֵוייטֶע פִישׁ זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן אִים, דִי וֶועג ווִי אַזוֹי פִישׁ עֶסְן אַנְדֶערֶע פִישׁ אִיז אַז זֵיי עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן עֶס שְׁווִימְט אַקֶעגְן אַ פִישׁ מִיטְ'ן פָּנִים צוּ אִים, אוּן עֶר גֵייט אַרַיין אִין זַיין מוֹיל. דֶערְפַאר וֶועט מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט זֶען אִין דִי בּוֹיךְ פוּן אַ פִישׁ אַן אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶענֶעם פִישׁ וָואס דִי קָאפּ אִיז צוּ דִי זַייט פוּן דִי קָאפּ, נָאר שְׁטֶענְדִיג אִיז דִי וֵויידְל בַּיי דִי זַייט פוּן דִי קָאפּ.

## זִיךְ אַלֵיינְס אַן עֵצָה גֶעבְּן

פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי גֶעמַאכְט? הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט זֵייעֶר שֵׁיין, וַוייל פִישׁ קֶענֶען נָאר זֶען פוּן פָארְנְט, זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט בֵּייגְן דֶעם קָאפּ צוּ דִי זַייט אַזוֹי ווִי אַנְדֶערֶע בַּעֲלֵי חַיִּים, הָאט דִי פִישׁ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן פוּן 'אוּנְטְן' זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי הִיטְן פוּן 'אוּנְטְן', מֶען זָאל זֵיי פוּן דָארְט גָארְנִישְׁט קֶענֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן, אָבֶּער אוֹיף 'פָארְנְט' וַוארְטְן זֵיי נִישְׁט אוֹיף הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זָאגְן:

**"פוּן פָאְרנְט זֶענֶען מִיר פַארְזִיכֶערְט, מִיר וֶועלְן זִיךְ אַלֵיינְס אַן עֵצָה גֶעבְּן"**, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **"פֵיין, פוּן אוּנְטְן וֶועל אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִיר, אוּן פוּן פָאְרנְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס אַן עֵצָה גֶעבְּן"**, דֶערְפַאר וֶוערְן זֵיי אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען בַּיים קָאפּ. דָאס לֶערְנְט אוּנְז, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף אֵיינֶעם אוּן נִישְׁט אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - הָאט עֶר אַ מַפָּלָה.

## דֶער 'טְשַׁאטְשְׁקֶע' פוּן דִי מִשְׁפָּחָה

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט קִינְדֶער; מֶען דַארְף בֶּעטְן פַאר יֶעדֶעס קִינְד זֵיי זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין, נִישְׁט נָאר פַאר דִי קִינְדֶער מִיט וֶועם מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ. מַיין מַאמֶע תְּחִיֶ' זָאגְט מִיר אֵייבִּיג: **"בֶּעט פַאר אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער, נִישְׁט נָאר פַאר דִי וָואס זֶענֶען שְׁוֶוער אוּן מִיט זֵיי קֶענְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן"**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז יֶעדֶער זָאל הָאבְּן נַחַת פוּן זֵייעֶרע קִינְדֶער, אָבֶּער אַז עֶס מַאכְט זִיךְ אַמָאל אַ קִינְד וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן מִיט אִים, אִיז דֶער מְצִיאוּת אַז דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן בֶּעטְן אוּן וַויינֶען אוֹיף דֶעם קִינְד, דִי מַאמֶע וֶוען זִי צִינְדְט לִיכְט, אוּן דֶער טַאטֶע וֶוען עֶר בַּאקוּמְט אַן הִרְהוּר תְּשׁוּבָה - וֵויינֶען בֵּיידֶע צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דֶעם קִינְד אַז עֶר זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין. קֶען מֶען זֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, יָארְן שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קִינְדֶער הָאבְּן חֲתוּנָה, דֶער קִינְד מִיט וֶועם מֶען הָאט זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט אוּן עֶס הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט אַז עֶר גֵייט נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן אִיז שֵׁיין מַצְלִיחַ אִין לֶעבְּן, ווִידֶערְאוּם דֶער קִינְד וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער 'טְשַׁאטְשְׁקֶע' פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, אַלֶע הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן אִים, אַלֶע מַגִידֵי שִׁיעוּר הָאבְּן גֶעזָאגְט ווִי גוּט עֶר אִיז, זֶעט מֶען נִישְׁט אַזַא הַצְלָחָה, פַארְוָואס? וַוייל פַאר דֶעם שְׁוֶוערְן קִינְד הָאט מֶען אָנְגֶעגְרֵייט תְּפִילוֹת, מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ, אוּן פַארְ'ן צְוֵוייטְן קִינְד הָאט מֶען נִישְׁט אָנְגֶעגְרֵייט תְּפִילוֹת, מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעוֵוײנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִים.

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אֵיין זַאךְ

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז מַסְבִּיר אַז דֶער גִּבּוֹר אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אֵיין זַאךְ, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מַכְנִיעַ זַיין צוּ אִים. דָאס הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גֶעזָאגְט פַאר דִי מֶענְטְשְׁן, אַ שָׁאד צוּ גֵיין צוּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן עֶנְק הֶעלְפְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל דָאךְ נָאר הַכְנָעָה, זַייט זִיךְ מַכְנִיעַ צוּ אִים וֶועט עֶטְץ נִצָּל וֶוערְן פוּן אַלֶע צָרוֹת.

## שָׁכֵן, לֶענְדְלָארְד אוּן טֶענֶענְט

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: יֶעדֶעס מָאל עֶס קוּמְט עֶפֶּעס אַ שְׁוֶועריְקֵייט אִין שְׁטוּב, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, עֶס הָאט זִיךְ עֶפֶּעס צֶעבְּרָאכְן, אָדֶער מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן מִיט עֶפֶּעס, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַיינְבֵּייגְן זַיין קָאפּ צוּ אִים, אוּן דַאן וֶועט אַלֶעס וֶוערְן מְסוּדָר, אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל הֵייבְּט עֶר זִיךְ אָן קְרִיגְן מִיטְ'ן שָׁכֵן, לֶענְדְלָארְד אוּן טֶענֶענְט, מֵיינֶענְדִיג אַז עֶס הָאט פַּאסִירְט צוּלִיבּ יֶענֶעם.

## לָאמִיר שְׁלָאגְן דֶעם בֶּענְקְל...

דָאס אִיז אַזוֹי ווִי אַ קְלֵיין קִינְד וָואס הָאט זִיךְ צֶעקְלַאפְּט, וָואס טוּעֶן קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן? זֵיי זָאגְן צוּם קִינְד: **"וֶוער הָאט דִיר גֶעמַאכְט דֶעם בּוּבּוּ? דִי בֶּענְקְל? לָאמִיר שְׁלָאגְן דֶעם בֶּענְקְל..."** אַזוֹי פַארְדְרֵייעֶן זֵיי דֶעם מֹחַ פוּנֶעם קִינְד אַז דֶער קִינְד זָאל זִיךְ בַּארוּאִיגְן, אוּן דִי עֶלְטֶערְן לַאכְן זִיךְ אוּנְטֶער בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה וואוּסֶענְדִיג אַז דִי בֶּענְקְל הָאט עֶס נִישְׁט גֶעטוּן. דִי זֶעלְבֶּע זֶענֶען מִיר, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אַן אִיבֶּערְגַאנְג פַאר אַ מֶענְטְשׁ, ווִילְנְדִיג מִיט דֶעם דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מַכְנִיעַ זַיין צוּ אִים, טוּט מֶען דָאס אָנְהֶענְגְן אִינֶעם שָׁכֵן טַאטֶע, מַאמֶע, אוּן וַוייבּ, ווִי זֵיי וָואלְטְן גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאבְּן עֶס גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים.

## פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אַלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם

ווִילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַיינְבֵּייגְן זַיין קָאפּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין בָּטֵל צוּ דִיר, אִיךְ ווִיל גָארְנִישְׁט, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, אִיךְ ווִיל נָאר זַיין אֵיינְס מִיט דִיר, אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ, אִיךְ ווִיל נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר, אִיךְ ווִיל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, אִיךְ ווִיל נִישְׁט מַסִיחַ דַעַת זַיין פוּן דִיר"**, - וֶועט עֶר זֶען אַז אַלֶעס וֶועט זַיין פֵיין, פְּלוּצְלִינְג הָאט עֶר אַ קַאר, פְּלוּצְלִינְג הָאט עֶר אַ הוֹיז, פְּלוּצְלִינְג פָאלְגְן דִי קִינְדֶער, אוּן פְּלוּצְלִינְג אִיז דִי שָׁלוֹם בַּיִת פֵיין. דִי רֶגַע ווִי נָאר דֶער מֶענְטְשׁ טְשֶׁעפֶּעט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר רַייסְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אַלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵייבְּט מֶען פְּלוּצְלִינְג אָן צוּ לַיידְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

## אַ גַאנְצֶע פְּלַאן אוֹיפְ'ן זוּמֶער

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן פב): **"וְזֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִים שֶׁלִּפְעָמִים הוֹלֵךְ לְהָאָדָם שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר"**, דָאס וָואס מֶען זֶעט אַז אַלֶעס גֵייט פַארְקֶערְט ווִי מֶען ווִיל, **"שֶׁאוֹמֵר: אֲנָא אֶמְלֹךְ, בָּזֶה הוּא מְחַלֵּק וּמַפְרִיד אוֹתָהּ מֵהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא"**, דָאס קוּמְט צוּלִיבּ דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט: "אִיךְ ווִיל!" עֶר הָאט שׁוֹין אַ גַאנְצֶע פְּלַאן אוֹיפְ'ן גַאנְצְן זוּמֶער וואוּ עֶר גֵייט גֵיין, אוּן וָואס עֶר גֵייט טוּן, אוּן עֶר טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **"וּכְשֶׁהוּא מְחַלֵּק אֶת מַלְכוּת לְעַצְמוֹ, אֲזַי הוֹלֵךְ לוֹ שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר"**, אוּן אַז מֶען טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט אַלֶעס פַארְקֶערְט ווִי מֶען ווִיל, דִי פְּלֶענֶער אַרְבֶּעטְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיס, דִי שָׁלוֹם בַּיִת וֶוערְט אוֹיס וְכוּ'; אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"אִיךְ ווִיל גָארְנִישְׁט, אִיךְ ווִיל נָאר טוּן דַיין ווִילְן"** - דֶעמָאלְט הֵייבְּט אַלֶעס אָן גֵיין אִין דִי גוּטֶע וֶועג.

בִּיז אַהֶער הָאבְּן מִיר גֶעשְׁמוּעֶסְט אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר, לָאמִיר גֵיין אַבִּיסְל וַוייטֶער אִין דִי מַעֲשֶׂה.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

אִיז בַּיי זֵיי דִי זַאךְ אַ ווִילְד חִידּוּשׁ גִיוֶוען. וָוארִין מֶען דֶערְקֶענְט אַז דָאס אִיז אֶמֶתֶע רֵייד. וָוארִין דָאס וֵוייסְט מֶען אַז אוֹיף אַ לַאנְד

קַארְט. שְׁטֵייט אוֹיסְגִימָאלְט אַלֶע זַאכְן. הָאבִּין זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען אַז זַיינֶע רֵייד זֶענֶען אֱמֶת וָוארִין אַזוֹינְס קָאן מֶען זִיךְ נִיט אוֹיסְטְרַאכְטִין. וָוארִין דָאס זֶעהְט מֶען זִיךְ אַז מֶען קָאן צוּם הוֹיף נֶעמֶען צְוֵויי קְרִיצִין פוּן דֶער הַאנְט וֶועט דְרוֹיס וֶוערִין אֵיין אוֹת. אִיבֶער דֶעם הָאבִּין זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז נִיט קֵיין אוֹיס גִיטְרַאכְטֶע זַאךְ. אוּן סֶע אִיז בַּיי זֵיי אַ ווִילְד חִידוּשׁ גִיוֶוען. הָאבִּין זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט וואוּ אִיז עֶרְגֶעץ דֶער מֶלֶךְ. טָאמֶער וֶועט עֶר אוּנְז וַוייזִין אַ וֶועג. ווִי מֶען זָאל גִיפִינֶען גֶעלְט.

דָאס פַּאסִירְט מִיט אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט אִין תַּאֲוֺת מָמוֹן, אֲפִילוּ דוּ בְּרֶענְגְסְט אִים שׁוֹין צוּם אֱמֶת, דוּ רֶעדְסְט שׁוֹין צוּ אִים דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, דִיבּוּרִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאךְ טְרַאכְט עֶר וַוייטֶער פוּן גֶעלְט.

הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. נָאךְ ווִילְט אִיר גֶעלְט (מִיט אַ לָשׁוֹן ווִי אֵיינֶער פַארְווִינְדֶערְט זִיךְ אוּן בֵּייזֶערְט זִיךְ) פוּן גֶעלְט שְׁמוּסְט גָאר נִיט.

## נָאךְ אַלְץ ווִילְט אִיר גֶעלְט?!

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיפְ'ן טִיר פוּנֶעם גְרוֹיסְן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין יַבְנְאֵל דִי פָּאר וֶוערְטֶער: **"דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶעזָאגְט: נָאךְ אַלְץ ווִילְט אִיר גֶעלְט? פוּן גֶעלְט זָאלְט אִיר מִיט מִיר נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן"**, אִין לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ: **"הַבַּעַל תְּפִילָּה אָמַר: עֲדַיִן אַתֶּם רוֹצִים מָמוֹן? מִמָּמוֹן לֹא תְּדַבְּרוּ כְּלָל"**.

## פַארְוָואס פּוּנְקְט דֶעם שׁוּרָה?

דָאס אִיז אַ חִידוּשׁ, אַז פוּן גַאנְץ סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פּוּנְקְט דִי פָּאר וֶוערְטֶער, עֶס אִיז דָא נָאךְ שֵׁיינֶע שְׁטַארְקֶע שְׁטִיקְלֶעךְ וָואס עֶר וָואלְט גֶעקֶענְט שְׁרַייבְּן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, דֶעם לָשׁוֹן (מַעֲשֶׂה ג, מְחִיגֵר): **"דוּ זָארְגְסְט אַ פְרֶעמְדֶע זָארְג"**, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט קוּקְן דֶערוֹיף וֶועט עֶר זִיךְ כַאפְּן: "פַארְוָואס טַאקֶע זָארְג אִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג 'וָואס וֶועט זַיין', 'וָואס וֶועט זַיין', לָאמִיךְ זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט", אָדֶער דֶעם לָשׁוֹן (מַעֲשֶׂה א, מְאַבֵּדַת בַּת מֶלֶךְ): **"עֶס אִיז בְּוַודַּאי יָא דָא"**, אָדֶער דֶעם לָשׁוֹן (מַעֲשֶׂה א, מְאַבֵּידַת בַּת מֶלֶךְ): **"דָארְט אִיז אַלֶעס טֵייעֶר"**, פַארְוָואס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ פּוּנְקְט אוֹיסְגֶעוֶועלְט דֶעם שׁוּרָה וואוּ דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט: **"פוּן גֶעלְט זָאלְט אִיר מִיט מִיר נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן"**? נָאר וַוייל וֶוען מֶען מַאכְט אַ מְצִיאוּת פוּן גֶעלְט קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן קֵיין הַשָּׂגָה אִינֶעם צַדִיק, אִינֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אוּן דִי וֶועג ווִי אַזוֹי אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן תַּאֲוֺת מָמוֹן אִיז אוֹיךְ נָאר דוּרְכְ'ן צַדִיק, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כה): **"רֹב הָעוֹלָם נִלְכְּדוּ בָּזֶה - הַיְנוּ בְּתַאֲוַות מָמוֹן"**, רוֹב וֶועלְט זֶענֶען נֶעבֶּעךְ גֶעכַאפְּט אִין תַּאֲוַת מָמוֹן, **"וְהַמָּמוֹן הוֹרֶגֶת וּמֵמִית אוֹתָם"**, מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דִי גֶעלְט הַרְגְ'עט דֶעם מֶענְטְשׁ. וָואס אִיז דִי עֵצָה? **"וְאִי אֶפְשָׁר לְהִנָּצֵל מִזֶּה, כִּי אִם עַל יְדֵי הַצַּדִּיק"**, נִישְׁט דָא קֵיין עֵצָה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי תַּאֲוָה, נָאר דוּרְךְ דֶער צַדִיק.

## מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דֶעם

מֶען דַארְף אָבֶּער ווִיסְן אַז 'תַּאֲוֺת מָמוֹן' מוּז נִישְׁט זַיין אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעלְט, וַוייל דֶער וָואס הָאט גֶעלְט אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק אִין תַּאֲוֺת מָמוֹן זֶעעֶנְדִיג אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעלְט אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, 'תַּאֲוֺת מָמוֹן' אִיז דֶער וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט קֵיין גֶעלְט, עֶר טְרַאכְט אַ גַאנְצְן טָאג פוּן מַאכְן גֶעלְט, עֶר לוֹיפְט נָאךְ דָאס גֶעלְט, אוֹיף אִים זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען קֶען נִישְׁט נִצָּל וֶוערְן פוּן דֶעם תַּאֲוָה נָאר דוּרְךְ דֶעם צַדִיק, וַוייל דֶער צַדִיק בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וַוייזְט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ 'אֱמֶת דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן גֶעלְט אָבֶּער נִישְׁט דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ'. אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אוֹיךְ הָאבְּן קֶעיק, סֶעלְצֶער אוּן גְרֶעיפּ דְזְשׁוּס, אָבֶּער מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דֶעם אַ גַאנְצְן טָאג...

## דַארְפְסְטוּ דֶען נִישְׁט קֵיין גֶעלְט?

אֵיינֶער הָאט מִיר אַמָאל פָּארְגֶעהַאלְטְן: דוּ מַאכְסְט אַזוֹי חוֹזֶק פוּן גֶעלְט דַארְפְסְטוּ דֶען נִישְׁט קֵיין גֶעלְט? מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט לֶעבְּן אָן קֵיין גֶעלְט?! הָאבּ אִיךְ אִים צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט מִיט אַ מָשָׁל: זָאג מִיר, וֶוען דוּ בּוּיסְט אַ הוֹיז לֵייגְסְטוּ דָארְט אַרַיין אַ בֵּית הַכִּסֵּא? אַוַודַאי! אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן אַ בֵּית הַכִּסֵּא, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט לֶעבְּן אָן קֵיין בֵּית הַכִּסֵּא, [אַזוֹי ווִי דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (בְּרָכוֹת נה.) אַז אַ מַטְרוֹנִיתָא הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי יְהוּדָה בֶּן רֶבִּי אִלְעַאי, "פוּן וואוּ הָאסְטוּ אַזַא שֵׁיינֶע פָּנִים? דוּ קוּקְסְט אוֹיס זֵייעֶר רוּאִיג!" הָאט עֶר אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ פִיר אוּן צְוָואנְצִיג בֵּית הַכִּסֵּא'ס פוּן מַיין הוֹיז בִּיזְ'ן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן אִיךְ גֵיי אַרַיין אִין אַלֶע פוּן זֵיי". עֶטְלִיכֶע וָואס זֶענֶען דָא יֶעצְט גֶעדֶענְקְן נָאךְ וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אִין קֶעמְפּ נָאר 'אֵיין' בֵּית הַכִּסֵּא, זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן ווִי אַזוֹי עֶס הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט אַמָאלִיגֶע צַייטְן וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין בֵּית הַכִּסֵּא'ס...].

## בַּאזוּכְן אַ נֵייעֶ הוֹיז

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אָבֶּער, וֶוען אֵיינֶער וֶועט קוּמֶען בַּאזוּכְן אַ נֵייעֶ הוֹיז אוּן דֶער בַּעַל הַבַּיִת וֶועט אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּ אִים ווִי שֵׁיין זַיין הוֹיז אִיז, אוּן עֶר וֶועט אִים צוּטְרָאגְן צוּם עֶרְשְׁט צוּם בֵּית הַכִּסֵּא, אוּן אָנְהֵייבְּן רֶעדְן פוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם בֵּית הַכִּסֵּא, אַלֶע שְׁמוּעֶסְן וֶועט זִיךְ דְרֵייעֶן אַרוּם דֶעם בֵּית הַכִּסֵּא, אוּן אִיבֶּעְרָאל וֶועט שְׁמֶעקְן פוּנֶעם בֵּית הַכִּסֵּא... וֶועט מֶען אִים זָאגְן: **"הֶער אוֹיף צוּ רֶעדְן פוּנֶעם בֵּית הַכִּסֵּא! קֶענְסְט נִישְׁט רֶעדְן פוּנֶעם קָאךְ, דֵיינוּנְג רוּם, אוּן פָּארְטְשׁ? קֶענְסְט נָאר רֶעדְן פוּנֶעם בֵּית הַכִּסֵּא?!"** אֵיי, דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט קֵיין בֵּית הַכִּסֵּא?! אַוַודַאי דַארְף מֶען אַ בֵּית הַכִּסֵּא, אָבֶּער מֶען רֶעדְט נִישְׁט דֶערְפוּן, מֶען מַאכְט נִישְׁט קֵיין עֵסֶק דֶערְפוּן; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט גֶעלְט, מֶען דַארְף הָאבְּן גֶעלְט צוּם לֶעבְּן, אָבֶּער רֶעדְן אַ גַאנְצְן טָאג פוּן גֶעלְט, גֶעלְט, גֶעלְט - דָאס נִישְׁט, הָאסְט נִישְׁט בֶּעסֶער פוּן וָואס צוּ רֶעדְן?! הֶער אוֹיף צוּ רֶעדְן פוּן גֶעלְט, רֶעד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

## גֶעלְט, גֶעלְט, גֶעלְט

דֶערְפַאר הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אַרוֹיף גֶעלֵייגְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דִי וֶוערְטֶער: **הַבַּעַל תְּפִילָּה אָמַר: עֲדַיִן אַתֶּם רוֹצִים מָמוֹן? מִמָּמוֹן לֹא תְּדַבְּרוּ כְּלָל"**, כְּדֵי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרַיין אִין

בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זָאל עֶר זִיךְ גֶעבְּן אַ שְׁטֶעל אָפּ אוּן זִיךְ דֶערְמַאנֶען 'אֵיין מִינוּט, מַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִיז נָאר גֶעלְט, גֶעלְט, גֶעלְט, לָאמִיךְ אָנְהֵייבְּן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז אִיךְ דַארְף גֶעלְט וֶועל אִיךְ עֶס בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

## רֶבִּי הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען עֲשִׁירִים...

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט אַמָאל דָא אַרוֹיף גֶעבְּרֶענְגְט אַן עוֹשֶׁר שַׁבָּת צוּם דַאוֶונֶען, אוּן מֶען הָאט פּוּנְקְט גֶעהַאלְטְן בַּיים פָּארְלֶערְנֶען דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה, אִיז דֶער עוֹשֶׁר גֶעוָוארְן זֵייעֶר בַּאלֵיידִיגְט אוֹיף מִיר, **"וָואס הֵייסְט דוּ מַאכְסְט אַזוֹי חוֹזֶק פוּן גֶעלְט, דִי גְמָרָא זָאגְט דָאךְ** (עֵירוּבִין פו.) **אַז רַבִּי הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען עֲשִׁירִים...?"** הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט דֶערוֹיף (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סח), אַז רֶבִּי הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס גֶעבְּן דָאס גֶעלְט. [דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם לֵיל שִׁשִּׁי הָאבְּן מִיר פָּארְגֶעלֶערְנְט דֶעם תּוֹרָה אִינֶעוֶוייְנִיג]. דֶער רֶבִּי זָאגְט: **"כָּל הַנְּפָשׁוֹת תְּאֵבִים וּמִתְאַוִּים לְמָמוֹן"**, יֶעדֶער הָאט לִיבּ גֶעלְט, **"... אַךְ צָרִיךְ לִבְלִי לְהִתְאַוּוֹת לְהַמָּמוֹן, כַּמְבֹאָר כְּבָר כַּמָּה פְּעָמִים גֹּדֶל גְּנוּת תַּאֲוַת מָמוֹן, רַק לְהִתְאַוּוֹת וְלֶאֱהֹב הַמָּקוֹם שֶׁהַמָּמוֹן בָּא וּמִשְׁתַּלְשֵׁל מִשָּׁם כַּנַּ"ל"**, מֶען דַארְף אָבֶּער זֶען אַנְשְׁטָאט לִיבּ הָאבְּן דָאס גֶעלְט, זָאל מֶען לִיבּ הָאבְּן דָאס פְּלַאץ פוּן וואוּ דָאס גֶעלְט קוּמְט, וַוייל פוּן וואוּ קוּמְט גֶעלְט? וֶוער מַאכְט גֶעלְט? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער! אַנְשְׁטָאט רֶעדְן פוּן גֶעלְט זָאל מֶען רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר מַאכְט דִי גֶעלְט. **"וּבִבְחִינָה זוֹ רַבִּי מְכַבֵּד עֲשִׁירִים, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (עֵירוּבִין פו.)**, מֵחֲמַת שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מָמוֹן שֶׁהוּא בָּא מִמָּקוֹם גָּבוֹהַּ כַּנַּ"ל"**, אוּן דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶעם מַאֲמָר חֲזַ"ל: "רַבִּי מְכַבֵּד עֲשִׁירִים", אַז רֶבִּי הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם פְּלַאץ פוּן וואוּ דָאס גֶעלְט קוּמְט, דָאס הֵייסְט, אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן פוּנֶעם עוֹשֶׁר, אַז אוֹיבּ אִיךְ וֶועל זַיין גוּט צוּ אִים, אִיךְ וֶועל זִיךְ חַנְפְ'עֶנֶען צוּ אִים, וֶועט זִיךְ עֶס לוֹינֶען אַז עֶר וֶועט מִיר גֶעבְּן גֶעלְט... אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען מִיר גֶעבְּן מֶער גֶעלְט וִויפִיל דוּ הָאסְט, דוּ וֶועסְט מִיר גֶעבְּן אַ צְוָואנְצִיגֶער, אָדֶער אַ פוּפְצִיגֶער... אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר גֶעבְּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט וִויפִיל אִיךְ דַארְף.

## דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דֶעם תַּאֲוָה אוּן פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת. וָואס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה? הִתְבּוֹדְדוּת, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! עֶס אִיז אַ מְחַיֶּה דָאס צוּ טוּן, מֶען קוּמְט דַאוֶונֶען אוּן מֶען דֶעקְט זִיךְ אִיבֶּער מִיטְ'ן טַלִית אוּן מֶען רֶעדְט אַפָּאר מִינוּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַארְף פַּרְנָסָה", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַארְף שָׁלוֹם בַּיִת", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַארְף נַחַת", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַּעַת", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ קְלָארֶע מֹחַ", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר שֵׂכֶל אִיךְ זָאל וִויסְן אַז קֵיינֶער קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט".**

## ײנֶער קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן קֵיינֶער קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט אוּן קֵיינֶער אִיז מִיר גָארְנִישְׁט שוּלְדִיג, שוּלְדִיג - זֶענֶען מִיר פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר דַארְפְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דַיין וַוייבּ קוּמְט דִיר עֶפֶּעס? דַיינֶע קִינְדֶער קוּמֶען דִיר עֶפֶּעס? דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען דַיינֶע קְנֶעכְט? דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען דַיינֶע שְׁקְלַאפְן?! אַז מֶען לֶעבְּט מִיט דֶעם אַז קֵיינֶער קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט קֶען מֶען גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אִין שְׁטוּבּ, וַוייל אוֹיבּ דִי וַוייבּ קוּמְט עֶפֶּעס הֵייבְּט מֶען אָן זִיךְ קָאכְן אוּן רֶעגְן: **"פַארְוָואס אִיז דִי סְעוּדָה נָאכְנִישְׁט גְרֵייט?" "פַארְוָואס הָאסְטוּ נָאכְנִישְׁט גֶעמַאכְט דִי אֵייעֶר?" "פַארְוָואס אִיז דִי הוֹיז נִישְׁט צַאמְגֶענוּמֶען?"** אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ גֶעדֶענְקְט אַז קֵיינֶער קוּמְט אִים גָארְנִישְׁט אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט אִים יָא אִיז אַ טוֹבָה, הָאט מֶען שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן מֶען הָאט אַ גוּטֶע זִיסֶע לֶעבְּן בָּזֶה הָעוֹלָם.

## פָּשׁוּטְ'עֶ עֵצוֹת

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וֶועט אוּנְז דֶער רֶבִּי צוּבְּרֶענְגֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת. עֶס זֶעט טַאקֶע אוֹיס וִוי פָּשׁוּטְ'עֶ עֵצוֹת, אָבֶּער מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס פָאלְגְט זַיינֶע עֵצוֹת, דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט צוּ צוּ זֵייעֶר הוֹיכֶע פְלֶעצֶער.

## וָואס זֶענֶען דִי הוֹיכֶע פְלֶעצֶער?

וָואס זֶענֶען דִי הוֹיכֶע פְלֶעצֶער וואוּ דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ? אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַ פְרֵיילִיכֶער אוּן צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ! דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע פְּלַאץ וואוּ אַ מֶענְטְשׁ קֶען צוּקוּמֶען. דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וואוּ עֶר אִיז, עֶר זִיצְט אִינְדֶערְהֵיים אוּן אִיז צוּפְרִידְן מִיט זַיין וַוייבּ, מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן מִיט זַיין הוֹיז וְכוּ', עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים.

## אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ

דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה פוּן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים אַז זֵיי זֶענֶען פְרֵיילִיכֶע צוּפְרִידֶענֶע מֶענְטְשְׁן; הַיינְט קֶען מֶען כִּמְעַט נִישְׁט טְרֶעפְן אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ אוּן מִיט אַלֶעס אַרוּם, דִי גַאנְצֶע קָאפּ אִיז פַארְנוּמֶען צוּ טְרַאכְטְן 'הַלְוַאי וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַזַא סָארְט הוֹיז אַזוֹי וִוי יֶענֶעם...' אֵיי, דוּ מֵיינְסְט אַז יֶענֶער מֶענְטְשׁ אִיז טַאקֶע פְרֵיילִיךְ? אוֹיבּ אִיז עֶר מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן קֶען זַיין אַז עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ, אָבֶּער אוֹיבּ אִיז עֶר נִישְׁט מְקוֹרָב צוּם צַדִיק אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.